# נאָכן צווייטן יערלעכן צוזאַמענפאָר פון „יוגנטרוף"

פון דוד־הירש ראָסקעס*)

מאָנטיק, דעם 27סטן דעצעמבער, איז פאָרגעקומען דער צווייטער יערלעכער צוזאַמענפאָר פונעם „יוגנטרוף", די אַלוועלטלעכע יידישע יוגנט־באַוועגונג פאַר יידיש. דער צוזאַמענפאָר איז געהאַלטן געוואָרן אין אַטראַן־קולטורהויז אין צוויי סעסיעס. ביי דער אינדער־פריאיקער זיצונג האָט מען איבערגעקוקט די אויפגעטאָענע אַרבעט במשך פונעם יאָר 1965. מען האָט געלייענט באַריכטן פון די לאָקאַלע אויספיר־קאָמיטעטן אין מאָנטרעאָל, ניו־יאָרק, סידניי אויסטראַליע און פילאַדעלפיע.

די הויפּט־אַקטיוויטעטן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר זיינען געווען דאָס אַרויסגעבן פיר נומערן פון דער פערטליאָר־שריפט יוגנטרוף, און דאָס אָרגאַניזירן איבערפּאַרטייאישע יוגנט־יזכורס צוגעגרייט פונעם „יוגנטרוף" אין מאָנטרעאָל און ניו־יאָרק.

נאָך די באַריכטן פון די לאָקאַלע קאָמיטעטן און פון דער רע־דאַקציע, האָט ד"ר פּסח מאַטענקאָ באַגריסט דעם יוגנטלעכן עולם. ד"ר מאַטענקאָ איז אַ פּראָפעסאָר פון דייטש אין ברוקלין־קאָלעדזש און האָט געהאָלפן גרינדן די „יוגנטרוף"־גרופּע אין טאָראָנטאָ. נאָך אים האָט גערעדט דער באַקאַנטער שרייבער און שולטוער ד"ר שלמה סיימאָן. ער האָט געהאַלטן אַ פלאַמפייערדיקע רעדע, וואו ער האָט צווישן אַנדערע געזאָגט, אַז עס עקסיסטירט נישט קיין יידישיסטישע באַוועגונג. ער האָט געוואָרנט דעם יונגן דור, אַז אויב ער שטעלט צונויף אַ נייע אידעאָלאָגיע, זאָל ער נישט נאָכמאַכן די אַלטע וועלט־לעכע אידעאָלאָגיע וואָס האָט דערוויל פאַרפירט. נאָך דער רעדע פון ד"ר סיימאָן האָט עליע פּאַלעווסקי אָפּגעגעבן אַ באַריכט פונעם אַלוועלטלעכן אויספיר־קאָמיטעט.

איינע פון די גרעסטע פּראָבלעמען, וואָס שטייט היינט צו טאָג פאַרן „יוגנטרוף" איז דער ענין פון פינאַנצן. ביים צוזאַמענפאָר איז געפונען געוואָרן אַ לייזונג. דער פאָרזיצער, יודזשין אָרענשטיין, האָט אַנאָנסירט, אַז דער „יוגנטרוף" שאַפט פרעסע־פאָנד פון צען טויזנט דאָלאַר. ער האָט דערקלערט, אַז דאָס אַרויסגעבן פון דער פערטליאָר־שריפט קאָסט צוויי טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. די שווערי־קייטן ביים צוזאַמענשטעלן, דרוקן און אַרויסשיקן זיינען גענוג גרויס, אַז מען זאָל נישט דערצו דאַרפן זאָרגן וועגן געלט. דעריבער שאַפט דער „יוגנטרוף" אַ פאָנד צו פאַרזיכערן די דערשיינונג פונעם זשור־נאַל פאַר פינף יאָר. אין דער אמתן איז די דאָזיקע סומע אַ מינימום, ווייל דער זשורנאַל איז נאָך איין טייל פון דער באַוועגונג. צו שיקן שליחים צו ריידן און צו אָרגאַניזירן קאָמיטעטן אין אַנדערע שטעט קאָסט געלט. יעדער קולטור־אָוונט, קאָנצערט אָדער סעמינאַר קאָסט געלט. און אַז מען פאַרגלייכט דעם בחדשעט פון „יוגנטרוף" מיט דעם פון אַזאַ באַוועגונג ווי „הבונים" (וואָס פרואווט איצט זאַמלען הונדערט טויזנט דאָלאַר), זעט מען ווידער, אַז די דאָזיקע סומע פון צען טויזנט דאָלאַר איז נאָר אַן אָנהייב־סומע, אַ מינימום צום עקסיסטענץ. אַ דאַנק די ברייטהאַרציקייט פונעם עלטערן עולם, וואָס איז בייגעווען דעם צוזאַמענפאָר, האָט דער „יוגנטרוף" שוין געשאַפן די ערשטע פינף הונדערט דאָלאַר. ס'איז אויך פאָרגעקומען עפּעס, וואָס האָט דערהויבן די שטימונג פונעם גאַנצן עולם. עס איז אויפגעשטאַנען דער יידישער וואָרט־קינסטלער מאַקסים בראָדין, וואָס זיין ברודער האָט איבערגעלאָזט הונדערט דאָלאַר פאַרן „יוגנט־רוף" אין זיין צוואה. אַזוי ווי הונדערט דאָלאַר איז נישט קיין גוואַל־דיקע סומע, האָט חבר בראָדין צוגעזאָגט, אַז ער וועט צוגרייטן פיר קאָנצערטן במשך פונעם יאָר, און די גאַנצע הכנסה פון זיי וועט ער איבערגעבן דעם „יוגנטרוף". נו, דאָס איז אַ פּלאַן!

אויף דער נאָכמיטאָגדיקער סעסיע האָט ד"ר שאול גוטמאַן פונעם שלום־עליכם־פאָלקס־אינסטיטוט גערעדט וועגן דער נויטווענדיקייט פון יידישע לערערס און האָט קלאָר געשילדערט דעם מצב פון יידישער דערציאונג אין אַמעריקע. ער האָט פאָרגעליגט, אַז דער „יוגנטרוף" זאָל אָנהייבן פּלאַנירן יידישע טאָגשולן. אויף דער זעל־ביקער סעסיע האָט דוד ראָסקעס אויך געהאַלטן אַ רעדע אויף דער טעמע: „די יידיש־באַוועגונג אין דער צוקונפט". ער האָט פאָרגעליגט אַז דער „יוגנטרוף" זאָל טאָן מער אינטענסיווערע אַרבעט און אַז די מיטגלידער זיינע זאָלן אָנהייבן טראַכטן וועגן קאַריערע אין דער יידישער קולטורוועלט. דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געענדיקט מיט אַ פילם פון „יוגנטרוף"־אַקטיוויטעטן במשך פונעם פאַרגאַנגענעם יאָר, און מיט עטלעכע יידישע פאָלקס־לידער געזונגען פון ירחמיאל צוקערמאַן, וועלכער פירט אָן מיט דער פאָלקסגעזאַנג גרופּע.

ווי נאָר דער צוזאַמענפאָר האָט זיך געענדיקט, האָט זיך די אמתע דיסקוסיע אָנגעהויבן. עליע פּאַלעווסקי האָט פאָרגעליגט, אַז דאָס קומענדיקע יאָר זאָלן זיין געשלאָסענע סעסיעס פון יוגנטלעכע און אַז די קאָנפערענץ זאָל זיך ענדיקן מיט אַ שלוס־באַנקעט אויף וועלכן עלטערע מענטשן וועלן זיין פאַרבעטן. מען האָט גערעדט וועגן די צילן פון דער באַוועגונג. די דיסקוסיע האָט מען פאָרגעזעצט 8:30 אין אָוונט אין אַ פּריוואַטער היים. מען האָט גערעדט וועגן די עיקר־פּרינציפּן. צי איז יידיש פאַר זיך גענוג? צי מוז נישט יידיש זיין פאַרבונדן מיט עפּעס גרעסערס? צי איז נישט פאַראַן קיין סכנה אַז „יוגנטרוף" זאָל ווערן אַ לינגוויסטן־קרייז, וואו מען באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון יידישן אויסלייג, אָבער נישט פּראָבלעמען פון יידישן קיום? וואוהין פירט דער קאַמף פאַר יידיש? און די פונ־דאַמענטאַלסטע פראַגע: פאַר וואָס טאַקע יידיש? כאָטש עס זיינען נישט געווען קיין סך יוגנטלעכע ביי די דאָזיקע זיצונגען, קען מען דערוואַרטן, אַז פון די שמועסן וועט אַרויסוואַקסן אַ נייע ווענדונג.

יידיש סתם איז נישט קיין גאָט, און מיר די מיטגלידער פון דער יידישער יוגנט־באַוועגונג „יוגנטרוף", זיינען געשטאַנען אין געפאַר פון פאַרגעטערן אָט דעם לשון אונדזערן. יידיש איז גיכער אַ צוגאַנג־מיטל צו יידישקייט, אַ וועג; אַ שליסל צום אוצר — נישט דער אוצר אַליין. אוודאי איז וויכטיק צו קענען ריכטיק אויסלייגן יידיש, צו זיין באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור. אָבער דאָס אַליין איז נישט גענוג. יידיש־לשון און יידישע ליטעראַטור מוזן פירן צו אַ פאַרטיפונג אין יידישע ווערטן, אין יידישער טראַדיציע און לעבנס־פילאָסאָפיע. דורך יידיש קענען מיר אָבער ווערן שטאָלצערע און בעסערע יידן, ווייל דורך יידיש באַקענען מיר זיך מיטן יידישן וועלט־באַנעם; דורך יידיש קענען מיר זיך אויסלעבן ווי יידן. מיר זאָגן נישט, אַז יידישיזם איז דער איינציקער וועג. אַ סך פון אונדז

*) דער מחבר פון דאָזיקן איבערבליק איז איינער פון די גרינדערס און גאָר אַקטיווער טוער פון „יוגנטרוף". מיר ברענגען גערן זיין באַריכט פון דער צווייטער יערלעכער קאָנפערענץ פון „יוגנטרוף", הגם נישט מיט אַלע אַרויסגעזאָגטע מיינונגען זיינען מיר מסכים.

גלייך פון דעם ערשטן פרואוו צו אָרגאַניזירן דעם „יוגנטרוף" האָבן מיר אַרויסגעוויזן סימפּאַטיע און אָנערקענונג צו דער גרופּע יוגנטלעכע, אומאָפּהענגיק פון זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען, וואָס האָבן זיך געשטעלט אַ ציל פּראַקטיש צו טאָן אַ גוטע אַרבעט אין יידיש און פאַר יידיש.

דער יידישער סאָציאַליסטישער פאַרבאַנד האָט געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון „יוגנטרוף" זיין ראַדיאָ־פּראָגראַם שוין צוויי מאָל — ביי ביידע יערלעכע קאָנפערענצן פון דער אָרגאַניזאַציע.

---

דערקלערט: — פון איצט אָן ביזסטו אויס ייד, פון איצט ביזסטו אַ קאַטאָליק, אַ גלייביקער זון פון קריסטנטום.

— אָ, זעסטו פאָטערל, האָט דער משומד געזאָגט: איך האָב אויך געטאָן. דו זעסט אָט דעם פיש, וואָס איך עס, דאָס איז טאַקע אַ מאָל געווען אַ הון, אָבער איך האָב עס אָפּגעשפּריצט מיט הייליקן וואַסער און געזאָגט: — פון היינט הינדעלע, ביזסטו נישט קיין עוף, דו ביזסט אַ פיש... עס איך טאַקע אַ „פיש".

און אונדזער פריינד פון לאָס־אַנדזשעלעס גיט צו:

— ביי אונדז יידן איז נישטאָ קיין „הייליק וואַסער", ביי אונדז מאַכט מען אַ „שטר מכירה" אין הויפּט־ראַבינאַט און דעריבער:

— אַ מאָל זיינען ראשון לציון און פּתח־תקוה; „קיבוץ יגור" און „קיבוץ מפלסים" געווען יידישע קאָלאָניעס און יידישע קיבוצים, „אַ מאָל"... אין יאָר תשכ"ה — איז מדינת ישראל געווען אַ יידישע מדינה אָבער „היינט" — אין שמיטה־יאָר פון תשכ"ו איז עס אויס יידיש, עס איז אַראַביש. אם ירצה השם, איבער אַ יאָר, אין תשכ"ז, וועט עס צוריק ווערן יידיש...

***

וואויל איז צו יענעם, וואָס עס זעט אין די דאָזיקע „תחבולות" די יסודות פון אונדזער יידישער עטיק. ליידער קענען מיר זייער מיינונג נישט טיילן און בלייבן פאַרעקשנט ביי אונדזער אַלטער יידישער עטיק, וואָס פאַרשטייט די זאַכן מענטשלעך, אָן דריידלעך. לא תגנוב מיינט ביי אונדז (ווי ביי אונדזערע חז"ל) זאָלסט אויך נישט גנבענען דעם דעת הבריות — דער גלייכער דעה פון די מענטשן.